ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שם הגדולים

## אידיש

**656**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# שם הגדולים

אין דיזען ספר ווערט ערציילט דיא ווינדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסיערט ביא דיזע גאונים וצדיקים זי"ע:

---


לובלין

שנת תרפ"ה לפ"ק

# שם הגדולים

## א ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם נאסטעניגער רביז ר׳ יחיאל מאיר זכרונו לברכה:

דער בעוואסטער הייליגער גאסטעניגער רבי ר׳ יחיאל מאיר זכרונו לברכה וואס דער הייליגער קאצקער רבי זכרונו לברכה האט איהם אין דיא אויגען אריין געזאגט איך זאג דיר דאס דיא ביסט פון דיא ל״ו צדיקים, אין וואס איך זאג עס דיר אין דיא אויגען אריין ווייל איך וייס דאס וועסט דערפון נישט בעקומען קיין גיאות, ער איז געוועזין זייער א גרויסער אוהב ישראל ער האט גאר נישט גיקענט ליידען אז מען זאל ריידען אויף אפילו דעם נידריגסטען יוד:

**איינמאהל** איז געוועזין אין אדארף לעבען גאסטענין א יולדת דער ברית איז אויסגעקומען אום פרייטאג, אין ווייל דער רבי פלעגט אנצונעמען סנדקאות אפילו אין די דערפער פון זיין סביבה אין בפרט נאך וואס דאה אין דעם דארף איז קיין מנין נישט גיוועזין האבען זיי מכבד גיוועזין דעם רבין מיט סנדקאות ווייל זייא האבען פערשטאנען דאס דער רבי וועט דאך קומען מיט נאך מענטשען וועלכע וועלין איהם בעגלייטען וועט זיין מנין, דער רבי האט טאקע אנגענומען דעם כיבוד. אין גראדע איז דעם רבי׳נס מוהל אויך דארט גיוועזין האט איהם דער רבי געזאגט דאס ער זאל זיך צו גרייטען אויף פרייטאג בעצייטענס ארויס צו פארען אין דעם דארף אריין; דאנערשטיג בייא נאכט האט זיך ווידער געמאכט אז דער מוהל איז גיוועזען ביים רבין האט ער צו איהם געזאגט זאלסט וויסען דאס מארגין איז פרייטאג דרום בעדארפסטו זעהן וואס פרוהער מען זאל קענען ארויס פאהרען איך וואלט נאך געוואלט פארע טאג קענען ארויספאהרען, אין אזוי האט ער איהם אלץ געווארענט ער זאל זיך נישט פארשפעטיגען. ווייל פרייטאג איז א ענגעצייט ביז דער רבי האט איהם געזאגט פאלג מיך אין נעכטיג דאה איבער אין פארטאג וועלין מיר צוזאמען פאהרען אי״ה אהן אנעיכוב, אין איך וועל דיר געבין מיינס א מלבוש אויפן וועג

דער

דער מוהל האט דעם רבי'ן נישט גיקענט אבזאגען, איז ער שוין נישט אהיים געגאנגען נאר געבליבען ביים רבין בעכטיגען, פארטאג וויא דער רבי איז פארטיג געוואהרען מיט דיא שיעורים, האט ער געהייסען איינשפאנען און ער מיט דעם מוהל זענען ארויס געפארען אין דארף אריין, און מען האט דאס קינד אריין געבערענגט בבריתו של אברהם אבינו, אין דער וואס מען האט איהם מכבד געוועזין מיט דיא ברכות איז צו געקומען צו ויקרא שמו בישראל, זענען זייא ערשטוינט געווארען ווייל דיא יולדת איז נישט געוועזין קיין ארענטליבע און מען האט נישט געוויסט ווער דעם קינדס פאטער איז דרובער איז נישט געוועזין ווער עס זאל זייא זאגען וואס פאר א נאמען מען זאל דעם קינד געבין. האבען זייא אליין געמוזט דעם קינד א נאמען געבין. דער מוהל האט דערפון געהאט גרויס עגמת נפש ווייל ווען ער זאל געוועזין וויסען וואס פאר א שטייגער יולדת דאס איז וואלט ער נישט געוועזין אזעלכע הכנות געמאכט. אין בפרט נאך דער רבינס גרויסע הכנות אין זיין נסיעה פרייטאג האט איהם זייער גיקרענקט. ווייל דיא גרויסע הכנות וואלטען זיך צו געפאסט אז דאס קינד זאל זיין א הייליג קינד נאך פון דער מוטערס בויך נישט צו אפגום ר"ל. אהיים פארענדיג האט דער רבי געזעהן דאס דער מוהל האט שטארק עגמת נפש פון דער נסיעה, האט ער איהם געזאגט זייא וויסען דאס מיר זענין נאר מבינים אויף גאלד און זילבער ברילאנטען אין נאך אזעלכע זאכען אבער אויף א האר יוד זענען מיר נישט קיין מבינים, און איך וועל דיר דערציילען אנאמתדיגע מעשה וואס מיין מלמד האט מיר דערציילט ווען איך בין נאך געוועזין א יונגעל:

איך האב גילערינט ביי אנאלטען מלמד וועלכער איז נאך געפארין צום הייליגען קאזניצער מגיד זכרונו לברכה האט ער מיר דערציילט. א מעשה וואס ער אליין איז געוועזין דערבייא. אין אדארף לעבין קאזעניץ האט געוואהנט אפראסטער יוד וועלכער האט נישט קיין אהנגענג אין דעם נייעם דרך פון דיא חסידים מיט זייערע רבים, ער איז געוועזין ל"ע אחשוכי בנים, אבער עס איז איהם גאהר נישט איינגעפאלען דאס ער זאל פארען צו אגוטען יוד נישט ווייל ער איז אמתנגד אויף דיא רבים. נאהר ער האט פשוט נישט געהאט קיין השגה אין זייער גדלות. און נישט פערשטאנען דאס אין דעם זכות פון זייערע הייליגע תפילות קענען אנדערע מענטשען געהאלפין ווערין, נאר

זיין

זיין ווייב ווי דער שטייגער איז דאָס אין דעם לעבן פון קינדער פעראינטערעסירען זיא זיך מער וויא דיא מאנסביהלען, ווען זיא איז געקומען אין שטאָדט אריין פלעגט זיא זיך א דורך שמועסען מיט איהרע בעקאַנטע וועגען איהר גורל, אין פלעגט דערביא זיך נאָך פרעגען אויף דיא פון איהרע בעקאַנטע וועלכע האָבען אויך גלייך מיט איהר חתונה געהאט וויא זיא דער גייט מיט קינדער וואָס זייא טוהן, וועגען דאָס. האָט זיא זיך דערוויסט דאָס פון וויט אין נאָהנט פאָהרט מען צום הייליגען קאָזעניצער מגיד אין דעם וואָס ער בענטשט מיט א הילף אין וואָס פאַר א בקשה עס איז ווערט ער געהאָלפען אין אסך פון איהרע בעקאַנטע זיינען טאקע געהאָלפען געוואָרען דורך דעם קאָזעניצער מגיד'ס ברכה, זיא איז אהיים געקומען אין האָט דאָס דערצייהלט איהר מאַן, אין דערביא איהם געבעטען דאָס ער זאָל איהר [illegible] אבזאָגען אין זאָל מיט איהר מיט פאָהרען קיין קאָזעניץ בעטען דעם מגיד'ס ברכה. אין וויל ער איז געוועזען זייער אפראָסטער מענטש אין דאָס וואָס ער איז נישט געוועזען קיין חסיד איז נישט געוועזען מחמת ער זאָל זיין אויף זייא מתנגד נאָהר פשוט מחמת ווייניג השגה [illegible], האָט ער זיין ווייב צוליעב געטוהן אין איינגעשפאַנט פערד אין וואָגען אין געפאָהרען צום הייליגען קאָזעניצער מגיד דער מגיד האָט זייא געבענטשט זייא זאָלען זכה זיין קינדער צו האָבען, אין זייא זיינען זייער פריילעך אהיים געפאָהרען דעם מגיד'ס ברכה איז טאקע מקוים געוואָרען השנה האָט זיא געהאָלפען מיט א קינד אין דעם צווייטען יאָהר, אין אמאָל ארום איז דאָס קינד זייער שלאף געוואָרען אין דיא דאָקטוירים האָבען שוין מיאש געוועזען, האָט זיין ווייב ווידער איהם דערקוויקט האָט ער זאָל פאָהרען צום מגיד, איז ער געפאָהרען צום מגיד אין דער מגיד האָט איהם געבענטשט דאָס זיין קינד זאָל האָבען א רפואה שלימה, אָבער אהיים קומענדיג האָט ער געזעהן אז דעם קינד איז געוואָהר נישט בעסער געוואָרען, אין עס האָט ניט געהאָלפען דעם מגיד'ס ברכה האָט ער זיך שוין דערפון גאָר נישט געגלויבט ער האָט זיך געפאָרעט מיט דיא פערד אין וועגען גלייך וויא אלע מאָהל, אָבער זיין ווייב איז געוועזען זייער טרויריג אין פלעגט אָב צו זיצען גאַנצע טעג אין נעכט אין אכטונג געבען אויף דעם קינד, אין פיהל מאָהל פלעגט זיא איבערזיין גאַנצע נעכט אין נאָהר ביזא טאָג זיצענדיג ביים דעם קינד פלעגט זיא צוא דרימלען,

עטליכע

עָטליכע מינוטען אין באַלד אויפכאַפענדיג געגעבען אַ קוק אויף דעם קינד:

אײנמאָהל אויפכאַפענדיג האָט זיך איהר געדאַכט דאָס אַזעלנער שטייט ביים קינד אין גיט עס פון אַ פלעשעל ריצעפּט זיא האָט זיך זייער דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען צוא שרייען איז דער זעלבער אַנטלאָפען. אָבער פון דאַמאָלסט אָהן איז דעם קינד בעסער געוואָרען ביז דאָס קינד איז אין גאַנצען געזונד געוואָרען, אָבער ווייל זיא איז געווען זייער אַ ערליכע האָט זיא מורא געהאַט טאָמער איז דאָס גיוועזען פון דיא שלעכטע זייט. אָדער אַ כישוף ר״ל. איז זיא ווידער געפאָרען צום הייליגען מגיד און האָט איהם דערציילט דיא גאַנצע מעשה מיט דעם זעלבער, און איהר מורא וועגען דעם, האָט דער מגיד איהר געזאָגט. זיא זאָל גאָהר קיין מורא נישט האָבען, ווייל דאָס איז נישט גיוועזען פון דיא שלעכטע זייט, און ער האָט זייא אָבגיזעגינט און זייא זענען אַוועק געפאָרען האָט דער מגיד געזאָגט צוא זיין משמש ער זאָל גיין אויפ׳ן בית החיים און זאָל מיט נעמען זיין שטעקען און ער זאָל מיט דעם שטעקען געבען אַקלאַפּ אויף דעם קבר פון דעם בעוויסטען זעלבער און זאָגען דאָס דער מגיד רופט איהם, דער משמש האָט אַזוי געטהון, איז דער זעלבער געקומען צום הייליגען מגיד האָט ער איהם גיפרעגט ווער האָט דיך געמאַכט פאר אַ קינדער דאָקטאָר, האָט איהם דער זעלבער גיענטפערט איך וועל דעם הייליגען רבי׳ן דערציילען אַלעס וואָס מיט מיר איז פאָהר געקומען ביי מיין לעבען אַזוי וויא מען האָט מיך צוא גענומען צום מיליטער דינסט בין איך געוועזען אין יודישקייט זייער אונוויסענט און איך בין פערמישט געוואָרען צווישען דיא ערלים דאָס איך האָב גאָהר פערגעסען דאָס איך בין אַ יוד נאָהר וואָס אין דעם מיליטערביך בין איך גיוועזען פערשריבען אַלעס יוד, דאָס אײנע׳האָט מיך דערמאַנט מיין יודישע אָבשטימונג, אײנמאָהל איז מיין פאָלק געגאַנגען אויף מאַנעווערס. און עס איז נישט געוועזען דרונגען קיין שום יוד חוץ מיר. אויפ׳ן וועג האָבען מיר געטראָפען אַ דאָרפס יוד גיין אין שטאָדט אַריין איינקויפען אַביסעל סחורה האָבען זיך דיא זעלנער געטשעפּיט צוא דעם יוד און האָבען איהם זייער געשלאָגען און בעראַביוועט זיין גאַנץ ביסעל געלד וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט פינף און זיבעציג רו״כ, פאַר מיר האָבען זייא זיך גאָהר נישט געהיטען ווייל זייא האָבען

מיך

מיך נישט גירעכינט פאַר קיין יוד, נאָהר פאַר דעם דאָרפסמאַן האָבען זייא מורא געהאַט טאָמער קומענדיג אין שטאָדט אריין וועט ער גיין צוא זייער פאָלקאָווניק אין זייא פערמאַסערען דרובער האָבען זייא נישט לאַנג גיקלערט אין האָבען דעם יוד צוא געפיהרט צום נאָהנ׳סטן וועלדיל אין איהם דאָרט אויף אַ בוים אויפגעהאָנגען וויא איך האָב גיזעהן דאָס גרויסע מערדרייא וואָס זייא זענען בעגאַנגען מיט דעם דאָרפס יוד האָט זיך אין מיר דער וועקט דאָס יודישע הארץ, אין איך האָב אויף איהם גרויס רחמנות בעקומען נאָהר דיא זעלנער אין דיא אויגען אריין האָב איך איהם גאָהר נישט גיקענט העלפען ווייל זייא וואָלטען מיר אויך באַלד גיוועזען גיהאַרגעט האָב איך נאָהר געטראַכט וויא אַזוי זייא אַוועק צוא נאַרען פון דעם אָרט וויא אַמשנעלסטען כדי איך זאָל נאָך דעם יוד קענען ראַטיווען דאָס לעבען, איז מיר איינגעפאַלען איך האָב געמאַכט אַ לאַרעם דאָס עס רייטען אונטער צווייא אָפיצירען האָבען דיא מערדערישע זעלנער זיך טאַקע איבער געשראָקען אין זענען אַנטלאָפען אין שטאָדט אַריין, קומענדיג אין שטאָדט אַריין האָט זייא דער עלצטער אויסגערופען צוא זייא זענען אַלע דאָה אין וויא ער האָט מיין נאָמען אויסגערופען אין איך בין נישט גיוועזען האָט ער דיא זעלנער גיפרעגט וויא דער יוד איז. האָבען זייא געזאָגט דאָס ער איז מיט זייא געגאַנגען דעם גאַנצען וועג נאָהר בייא דעם וועלדיל אונטער דער שטאָדט איז ער ערגיץ פערשווינדען געוואָרען האָט דער עלצטער זייא געהייסען איהם גיין זוכען, דיא זעלנער ווייטער וויא זייא האָבען גיהערט דאָס איך בין אַ יוד האָבען זייא מורא געהאַט טאָמער וועל איך זייא מאַסערען בייםפאָלקאָווניק אין האָבען בעשלאָסען אויך מיך אָב צוא רוימען פון דער וועלט, אין וויא איך האָב בעמערקט דאָס שרעקליכע אַנטלויפען פון דיא זעלנער האָב איך פערשטאַנען דאָס זייא וועלען גאָהר נישט זיך אומקוקען אין אפילו נישט בעמערקען דאָס איך לויף נישט מיט זייא צוזאַמען אין טאָמער וועט מען אפילו יאָה בעמערקען איז בייא מיר געבליבען איך זאָל מציל זיין אַ נפש ווייל אויב איך וועל נאָך אַביסעל וואַרטען וועט דאָך דער יוד אומקומען אויף דער תלי׳ דרובער האָב איך גאָהר נישט געוואַרט אין האָב דעם יוד תיכף אָבגעשניטען פון דער תלי׳ דער יוד האָט זיך שטאַרק צוא וויינט ווייל דאָס געלד איז נישט גיוועזען זיין נאָהר געבאָרגט בייא זיינע גוישע שכינים אויף פריצענט

פראַצענט. אין זיי זענען גרויסע רוצחים ווי באַלד ער וועט זיי דאָס געלד נישט צוריק געבען וועלען זיי איהם מיט זיין גאַנץ בני בית ח"ו אומברענגען, איך האב אויף דעם יוד גרויס רחמנות געהאַט אין האב אַרויס גענימען פון מיין געלד פינף אין זיבעציג רו"כ אין איהם גיגעבין אין דער יוד איז אַ היים געגאַנגען זייער פריילעך אין האָט מיר געווינטשען דאס אייביגע לעבין. איך בין נאָך אַ ביסעל דארט געשטאַנען זענען דער ווייל אנגעקומין די זעלבער מיך זיכען האבין זיי מיך געטראפען שטיין לעבין דעם בוים אין דער יוד וואס זיי האָבין געהאַט אויפגעהאָנגען איז נישט געהאנגען האבין זיי פערשטאַנען אַז דאָס האָב איך איהם מסתמא אַראָב גענימען פון דער תלי' ווייל זיי האב דאָך גיהערט פון זייער עלצטען דאס איך בין אַ יוד. אין דער מורא פאַר מיר דאס איך זאל זיי נישט פערמאַסרין ביים פאָלקוניק האט זיך ביי זיי יעצט נאָך מער געשטאַרקט דרובער איז ביי זיי געבליבין דאָס מען זאָל מיט מיר נישט מאַכען קיין שום שהיות נאָר אויפהענגען אויף דעם ארט פון דעם יוד וואָס איך האָב אָבגעראַסיוועט. זיי האבען דעם טייוולאַנישען בעשלאס פערווירקליכט אין האבען מיך גענימען אין אויפגעהאָנגען. אין זיי זענען צוריק געגאַנגען אין שטאדט אַריין צום עלצטען אין האָבין איהם געזאגט דאָס זיי האָבין דעם יוד געטראָפען הענגענדיג אויף אַ בוים, מען האָט זיי געגלייבט אין מען האָט מיך צו געפיהרט אין שטאָדט אַריין קיין קאָוענע אין דאָרט צו קבורה גיבערענגט אויפ'ן יודישען בית החיים. נאָך דער קבורה האָט מען מיך גיבערענגט פאַר'ן בית דין של מעלה, ווי געוועהנליך איז דאָה אַזעלכע וואָס זענען מלמד חוב אין אַ זעלכע וואָס זענען מלמד זכות האָט מען אָהנגעהויבען אַריין צו קלערען אין מיין דין, איז אַרויס געגאַנגען דער פסק פון בית דין של מעלה דאָס קיין גיהנם קומט מיר נישט ווייל איך האָב מציל גיוועזען אַ יוד פון דעם טויט אין האָב דער ביי מיט מיין לעבין בעצאָהלט, אין די הייליגע חכמים זאָגען דאָס דער וואָס דערהאַלט אַ נפש ביים לעבין איז גלייך ווי ער דערהאַלט די גאַנצע וועלט דרובער ווי אַזוי קען מען איהם פ'סקענין גיהנם, אין גן עדן אַריין קען מען איהם אויך נישט דערווייל אַריין לאָזען ווייל ער האָט דאָך קיין מצות נישט. אין ער איז געוועזען כל ימיו אַ בעל עבירה ר"ל, דרובער האָט מען מיר געפ'סקענט איך זאָל ווערין אַ קינדער דאָקטער אין מען האָט מיר פון הימעל גיגעבען

דשות. איך זאָל היילין די קינדער וועלכע די צדיקים בעטין פאַר זייער הילף און אין דעם זכות וואָס די קינדער וועלין דער נאָך תורה לערנען אין דינען השי״ת וועל איך זוכה זיין צו קומין אין גן עדן אריין. אַזוי האָט דער רבי דערציילט דעם מוהל כדי איהם צו בערוהיגען אויף דער הוצאה מיט דעם גרויסער הכנה וואס זיי האָבין געמאַכט אויף דעם ברית. ווייל פון דער מעשה זעהט מען ווי גרויס די קדושה פון אַ יוד איז דאָס אַפילו אַזעלכער וואָס איז גיוועזען כל ימיו, אַ בעל עבירה ה״ל פינדעסטוועגען איז פון איהם אַרויס געקומען אַזוי פיעל גוטס פאַר דעם כלל ישראל, דער זכות פון דיא היילעגע צדיקים זאָלען אונז ביא שטיין מיר זאָלען אויך געהאָלפען ווערען מיט גוטע קינדער צום לעבען און מיר זאָלען זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

## זעהר אַ וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם היילעגען רבין ר׳ אַברהם יוזפאַ זכרונו לברכה:

דער היילעגער רבי ר׳ אברהם יוזפאָ פון קאָנסקאָוואָליע וואָס ער איז בעוויסט גיוועזען מיט דעם נאָמין דער קאָנסקאָוואָליער שרף, אויף דער עלטער איז ער שוין זייער שוואַך גיוועזען און ער האָט נישט גיקענט אַראָב גייען פון בעט ל״ע, פלעגט ער אַלע נאַכט אָבריכטען חצות אין בעט, מיט גרויס געוויין, און געשריי. און דאַמאָלסט איז גיוועזען דער פולישער אויפשטאַנד איז דורך קאָנסקאָוואָליע אַ דורך געגאַנגען אַגאַנץ פאָלק זעלנער מיט זייער שטאַב, און דער שטאַב האָט אָבגענומען דעם הויף וואָס דער רבי האָט געוואָהנט פאַר דיא עלטעסטע אָפיצירען און פאָלקאָווניקעס. און איין פאָלקאָווניק איז אויס געקומען צוא שלאָפען אין אַנעבין חדר פון דעם רבינס שטיב, זיין בעט איז געשטאַנען ביא דער זעלבער וואַנט וואָס אין צווייטען חדר איז געשטאַנען דעם רבינ׳ס בעט, און וויא עס איז געקומען נאָך האַלבע נאַכט, דער רבי האָט אָנגעהויבען אָב צו רעכטען תיקון חצות, מיט גרויס געוויין און געשריי ווי זיין שטענדיגער מנהג איז געווען בפרט נאָך יעצט דאָס איז גיוועזען אַ קריגס צייט און פיעל יודישע

לעבענס

לעבענס אין זייער גאנץ פערמעגען איז געוועזען בעדראָהט דורך דעם האָט ער גאָהר מוראדיג געקלאָגט אין געוויינט, אין דער פּאָלקאָווניק האָט דרובער נישט גיקענט שלאָפען האָט ער אריין געשיקט זיין דינער אַזעלנער דאָס ער זאָל אויפהערען צוא וויינען ווייל ער לאָזט איהם נישט שלאָפען אָבער דער רבי האָט זיך נישט גיקענט בעהערשען אין איינהאַלטען פון געוויין האָט דער פּאָלקאָווניק נאָך אַמאָהל צוא איהם אריין געשיקט דעם זעלנער דאָס ער בעט איהם מיט גוטען דאָס ער זאָל אויפהערען צוא שרייען אויב. ער וועט נישט מיט גוטען וועט ער איהם שלאָגען אין מיט געוואַלט איהם נייטען צוא זיין שטיל. אָבער ער האָט אויך יעצט נישט אויפגיהערט צוא שרייען אין וויינען. איז דער פּאָלקאָווניק זייער בייז געוואָרען אין ער האָט זיך אָנגעטוהן אין האָט אַרויס געחאַפּט דיא בלאַנקע שווערד. אין ער איז אריין געלאָפען צו דעם רבי'ן ר' אברהם יוזפא אין ער האָט אויפגעבראָכען דיא טיהר אין איז גלייך צו געלאָפען צום רבינס בעט מיט דער כוונה איהם דעם קאָפּ אָב האַקען אָבער קומענדיג נאָהנט פון בעט איז ער אַנידער געפאַלען מיט אַ טויט דערשרעק אין דיא זעלנער וועלכע זענען מיט איהם מיט געגאַנגען האָבען איהם אָהנגעהויבען צו מינטערען אָבער זייא האָבען בשום אופן איהם נישט גיקענט דערמינטערען אין האָבען איהם געמוזט אַרויס טראָגען פון דעם רבינס שטיב אין אַפּערחלשטע פּאָזע. הערשט ווען ער איז אַרויס געקומען פון דעם רבינס שטיב האָט ער אָנגעהויבען צוא קומען צו זיך. אין אויף דער פראַגע פון זיינע נאָהנטע וואָס עס האָט אויף איהם אַזוי געווירקט ביים רבי'ן אין שטיב ער זאָל פאַלען אין אָהנמאַכט. האָט ער זייא גיענטפערט דאָס צוא קומענדיג נעהנטער צום צוא בעט צוא האָט ער דערזעהן וויא אַפייערדיגער שפּיעז ציעלט גלייך אויף איהם אין פון דעם גרויסען פייער האָט איהם אָנגעהויבען צוא שווינדלען פאַר דיא אויגען אין דרובער איז ער פערחלשט געוואָרען. אין דער פּאָלקאָווניק זעהנדיג אַז דער רבי איז אַגעטלעכער מאַן האָט איהם שוין נישט געוואַגט צוא שטערען פון זיין עבודות. דער זכות פון דיא צדיקים זאָלען אונז בייא שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צוא אַלעם גוטען אמן:

# אויסדערליבע ערצעהלונג פון דעם רבין ר׳ אליעזר זכרונו לברכה פון קאזעניץ:

**דער** הייליגער רבי ר׳ אליעזר קאזעניצער זכרונו לברכה האט דערציילט איינמאהל זיינע מקורבים זייא זאלען וויסען וויא גרויס אין הייליג עס זענען די ווערטער פון דיא הייליגע חכמים זכרונו לברכה וואס זייא זאגען אין פרקי אבות מצוה גוררת מצוה, איין מצוה ציהט דעם מענטש צוא צוהן נאך אמצוה, און עס קען זיך אמאהל טרעפען דאס דורך איין מצוה קען דער מענטש זוכה זיין צוא דיא גרעסטע מדריגות אין דער וועלט. דיא מעשה איז אזוי אין אשטאט זענען געוועזען צווייא גיטע בחורים זייא האבען גיקענט גיט לערנען און אויך געוועזען בעקאנט אין וועלטליכע זאכען, זייא האבען זיך ליעב געהאט זעהר מיט ליבשאפט, און זענען געוועזען אנגעקניפט איינער אין דעם צווייטען דאס איינער האט נישט געטוהן קיין שום זאך אהן דעם צווייטענס ידיעה. און וויל זייא האבען געטוהן זייער פיעל אין חכמות היצונית זענען זייא ביסלעך ווייס אנגעקיהלט געווארען פון יודישקייט ביז דער בעל דבר האט זייא אנגירייצט זייא זאלען זיך שמאדען ר״ל און זייא האבען איהם צוליעב געטוהן, און זייא זענען פאר בושה אוועק פון דער מדינה אין אנאנדער גרויסע שטאדט אין זייא זענען דארט אריין גיטרעטען אין דער גימנאזיע שטודירען איינעם פון זייא האט דיא הצלחה געשפיעלט און ער האט דעם שטודיום זייער גיט דורך געמאכט און האט בעקומען אגיטען דיפלאם, ער האט אנגעהויבען צו שרייבען ביכער און צייטונגען און איז בעוויסט געווארען פאר אגרויסען פילוזיף און זייער פאר אגרויסען קענער און איז אויך זייער רייך געווארען. און זיין גוטער נאמען האט איהם אזוי בעליעבט געמאכט דאס מען האט איהם אנגעהויבען צוא רעדען דיא רייכסטע און מיוחסטע שידוכים און מען האט זיך גאהר נישט נאך גיפרעגט אויף זיין שטאמונג, ער האט זיך אויסגעקליבען איינעם פון דיא שידוכים מיט אטאכטער פון אגרויסע פירסטען הערליכע איז געוועזען ביא איהרע עלטערען א בת יחידה און זייא האבען איהם אבגעשריבען זייער גאנצען מאיאנטעק ער האט מיט דער ערלית והתינה געהאט און דערנאך זענען דיא שווער און שוויגער

אוועק

אוועק געגאַנגען פון דער וועלט אין ער איז געבליבען דער איינציגער פאַקטישער בעזיצער פון דעם גרויסען פירשטליכען פערמעגען ער האָט געהאַט אַסאַך שטעט אין דערפער אין זיין ווייב האָט איהם געבאָרען עטליכע קינדער אַזוי איז איהם גיט געוועזען דאָס ער האָט גאָהר אין גאַנצען פערגעסען דאָס אַז ער שטאַמט פון יודען. אין ער האָט זיך גירעכינט וויא ער וואָלט גיוועזען אַ געבאָרענער נישט יוד:

איינמאָהל איז ער אַרויס געריטען אויף שפאַציר אונטער דער שטאָדט האָט ער דערזעהן ליגען אַ טויטען יוד. איז ער אַראָב גיגאַנגען פון דעם פערד אין האָט דעם בר מינן אויף געהויבען אין אַרויף געלייגט אויף דעם פערד, אין ער איז געגאַנגען צו פיס אין אַזוי געלאַסען געפיהרט דאָס פערד ביי דעם צום ביז ער איז געקומען אין שטאָדט אַריין אין ער האָט דעם בר מינן איבער געגעבען צו דער חברה קדישא אין דער נאָך איז ער אַ היים געגאַנגען, נעבעך ער איז שוין נישט גיוועזען דער זעלבער וואָס דער פריהער. וויל אין מצוה ציהט זאָך צו דער אַנדערער מצוה, און ער האָט זיך דערמאַנט זיין זיינע יודישער אָבשטאַמונג אין וואָס עס איז איבער גיגאַנגען איבער איהם ביז יעצט אין ער האָט דרויף געהאַט גרויס חרטה, וואָס ער האָט פערלאָזט דעם יודישען גלויבען אָבער ער איז שוין גיוועזען אַזוי פערזינקען אין דער קליפה ר״ל דאָס דער בעל דבר האָט איהם נישט געלאָזט לאַנג אַרום טראַכטען זיך אין ער האָט איהם באַלד אַריין געשיקט זיין פירשטליך ווייב אין דער אמת איז זיא טאַקע גיוועזען זעהר אַגרויסע יפת תואר אין געצירדעט אין דער בעל דבר האָט איהם צוא גירעדט וויא אַזוי קען ער גאָהר קלערען אוועק צוא וואַרפען זיין שיינע איך געבילדעטע פרוי. דער בעל דבר האָט פערשטייט זיך דאָס מאָהל געפויצלט אין ער איז געבליבען ווי פריהער:

אָבער דיזע מצוה האָט איהם אויך נישט געלאָזט רוהען אין ער האָט זיך ווידער אַמאָהל אַנידער גיזעצט מאַכען אַ חשבון הנפש,

אין עס איז איהם ווייטער פאָהר געקומען דאָס ער גייט אין שלעכטין וועג אין ער דאַרף זעהן צוריק צוא ווערען אַ יוד, אָבער דער בעל דבר איז אויך נישט אינטער שטיליג געבליבען אין ער האָט איהם גיגעבען אַ שיק אַריין זיינס אַ זוהן וועלכער האָט שטידירט אין אַגרויסע

שטאָדט

שטאָדט אין עֶר האָט בעֶקוּמין אַ גיטעֶן דיפּלאָם, אין מעֶן יעדט איהם
גאָר וואזנעֶ שידוכים אין דעֶר בעל דבר האָט איהם איינגירעדט דאָס
ער טאָהר נישט אַוועֶק וואַרפעֶן זיינע בעֶראַטענע קינדעֶר בפרט ווען
זיי האַלטען ביי דער שוועל פון לעבין זיי זאָלעֶן דורך איהם
אומגליקליך ווערען, אין וואָס זעֶבין זיי דען שילדיג דרונעֶן אין זיין
טראַגעדיא, אין ער האָט ביי איהם ווידער געפוילט עֶר האָט ווידעֶר
איבער גערוסען מיט די פרוהרדיגעֶ געדאַנקען, אָבעֶר די מצוה האָט
איהם. ווידער גיוועקט צו הערין צוריק אַ יוד, האָט ער זיך מיישב
גיוועזעֶן ער זעהט דאָך דאָס איין שטיב קומט איהם אינטער אַלע
מאָהל אַנדערע מניעות דרובעֶר וועט עֶר אַרויס פאָרען אינטער דער
שטאָדט אין דאָרט זיך בעטראַפּען וועגען דעם ענין, אָבעֶר דער בעל
דבר איז איהם דאָה אויך פערלאָפען דעם וועג אין ווי עֶר איז אַ דורך
געריסעֶן האָבין די פויעֶרען פאַר איהם געקניעט ווייל עֶר איז ביי זיי
זייעֶר געליבט גיוועזין פאַר די פיעֶל טובות וואָס ער פלעגט. זיי צו
טוהן. דער נאָך איז אַ דורך געפאָרעֶן צנאַדמיניסטראַטאָר וואָס איז
גיוועזען אין איינעם פון זיינעֶ הויף האָט ער זיך געֶנייגט פאַר איהם
אין איז אַראָב געגאַנגען פון זיין בריטשקע אין האָט איהם אָבגעֶגעבין
אַ בעריכט פון די גרויסעֶ פערדינסטעֶן וואָס דעם הויף שטייט פאָהר
דאָס יאָהר צו פעֶרדינעֶן אין דאַמאָלסט האָט זיך דער בעל דבר אויף
איהם געשטאַרקט ווי אַזוי זאָל ער פּלאָזען אַזוי אַגרוים עשירות אין
אַזוי אַ כבוד אין צוריק ווערין אַ געֶפלאָגטער יוד, אין ער האָט ביי
איהם דאָס מאָהל אויך אויסגענימעֶן, אָבעֶר די מצוה איז גאָר נישט
מגיד געוואָהרין פון וועֶקעֶן איהם, אין עֶר האָט ווידער בעקומין זייעֶר
גרויסעֶ הרהורי תשובה. האָט ער זיך מיישב גיוועזין עֶר וועט שוין
יעצט גאָר נישט אַליין רעֶכינעֶן גאָר עֶר איז תיכף אַרובער געגאַנגעֶן
צום שטאָדט רב. די נאַכט איז גראַדע גיוועזען זייער אַ פינצטערעֶ
נאַכט אין קיינעֶר האָט איהם נישט בעמערקט אַריינגעֶנדיג צום רב דער
רב האָט שוין געהאַט פאַרמאַכט די טוהר האָט עֶר אָנגעֶקלאַפּט אין דעֶר
רב האָט איהם אויפגעעפינט די טיהר. ווי דער רב האָט דערזעהן אין
אריין קומענדען דער פירשט פון שטאָדט האָט עֶר זיך זייעֶר איבער
געשראָקען האָט עֶר איהם בערוהיגט דאָס ער דאַרף זיך פאַר איהם
גאָר נישט שרעֶקען, נאָר ער איז איהם געֶקומעֶן עפּיס פרעֶגעֶן
אַ וויכטיגעֶ עצה אין עֶר וויל דער רב זאָל איהם דורשען אַ ריכטיגע

עצה

עצה געבין. דער רב איז מיט איהם אריין געגאנגען אין א צווייט חדר ווי מען האט פון דארט נישט גיקענט הערען זייערע רייד אין האט איהם גיבעטען זיך א נידער זעצען א קעגין איבער אין זאגען וואס ער פערלאנגט. דער כלומרשטער פירשט האט איהם דערציילט דאס ער איז גיוועזען א יוד אין ווי אזוי עס איז מיט איהם דערגאנגען פון דאמאלסט אהן אין יעצט האט ער הרטה אויף זיין דאזיגען פעהלפרהאפטען שריט. אין ער וויל תשובה טוהן אין צוריק א יוד ווערען, דער רב האט פערשטאנען פון זיין ערינכטער מינע, אז ער מיינט טאקע אין אמת תשובה צו טוהן ווייל אמת'דיגע ווערטער ווערען אהנגענימען אויפ'ן הארץ דאט ער איהם גיענטפערט מיין עצה איז אז ראשית זאלסטו פערקויפען אלעס וואס ווער זיך לאזען פארקויפען דאס זאל קיינער פארלויפיג נישט וויסען אין זאלכט בעמין דערפאר מזומן געלט אין אז די וועסט שוין האבען אגרויסע כומע ביירים געלט זאלסטו קומין ווערלין מיר זיך איבער קלערען ווי אזוי די זאך בעסער צו ערלעדיקען, דער כלומרשטער פריץ האט זייער גדאנקט דעם רב פאר זיין בעטייליגען אין זיינע אנטערעסען אין ער האט אהנגעהויבען צו פערקויפען וואס נאר עס האט זיך געלאזט אין עס איז איהם די זאך גיט געראטען דאס זיין בני בית איז דערפין נישט געוואהר געווארען. דער נאך איז ער געקומין צום רב דאט ער איהם גיגעבין א בריף צו זיינס א תלמוד וועלכער איז גיוועזען א רב אין א ווייטע שטאדט דארט האט ער בעשריבין דעם גרויסען כסירת נפש וואס דער פירעט האט געהאט ער האט אוועק געווארפען אזוי אמאיאנטעק אין דעם גרויסען כבוד כדי צוריק צו קערען צום יודענטים. דרובער בעט ער דעם רב ער זאל דעם גיוועזינים פירשט זייער גוט אויפנעמין אין זאל זארגען פאר איהם גלייך ווי ער וואלט איהם אליין די אלע כיבודים אנגעטוהן, דער פירשט האט זיך גיזעגינט מיט דעם רב אין האט פון איהם אויף מקבל גיוועזען א ברכה, אין ער איז געפארען אין דער אנגעוויזנער שטאדט, דער רב וועלכער האט שוין אלענגערע צייט נישט גיזעהן זיך מיט זיין רבי'ן בעקומענדיג דעם בריף פון א מענטש וועלכער דאט זיך זעלבסט גיקענט מיט זיין רבי'ן דאט ער זיך זייער געפרייד אין ער האט דעם גיוועזינעם פירעט בלויז אלעס דעם בריף ברענגער פיין אויף געגימען, אין דער נאך ווי ער האט זיך א ביסעל אויסגיכרעגט אויף זיין רבי'ן האט ער גענימען לעזען דעם בריף ווי ער איז צו זיין

איבער

איבּער ראַשוּנג געוואָהר געוואָהרען אַז דער מענטש איז מער ווי אַ געוועהנליכער בשר ודם, אין אַז ער איז ביי געשטאַנען אַזוי אַגרויסען נסיון בּרענגענדיג זיין גאַנץ פערמעגען מיט דער גרויסער קאַריערע וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט צרווארבּען כדי אויפצוקערען זיך צוא דעם יודישקייט אין בּפרט נאָך וואָס זיין רבּי האָט איהם גיבּעטען דאָס ער זאָל זאָרגען פאַר איהם גלייך וויא ער וואָלט געזאָרגט וויא ער וואָלט געוועזען זעלבּסט בּייא איהם האָט ער איהם זייער גרויס כבוד אָנגעטוהן אין ער איז בּייא איהם געבּליבּען אויף קעסט דיא גאַנצע צייט וואָס ער וועט דאָרט זיין, קיין געלט האָט איהם נישט גיפעהלט האָט ער נאָך אַסאַך מענטשען טובות געטוהן אין געבּאָרגט גמילת הסדים, אין דער רב האָט מסדר געוועזען אתשובה, ער האָט אַלעס אויסגעפיהרט נאָך שטרענגער וויא דער רב האָט איהם בּעפוילען אין ער פלעגט ציא זיצען בּייא טאָג אין בּייא נאַכט אין לערנען אין האָט זיך זייער נידעריג געהאַלטען ער האָט קיין מענטש נישט דערצערינט אין דרובּער האָבּען איהם אַלע מענטשען זייער ליעבּ געהאַט אין אָבוואַהל קיינער האָט נישט געוויסט ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט נישט זיין פערגאַנגענהייט אין נישט זיין צוקינפט וועגען וואָס ער זיצט דאָה שוין אַזוי אַלאַנגע ציַיט, האָבּען זייא דאָך אין איהם שטאַרק נוהג כבוד געוועזען :

**בּייַם** דער צייט איז דער רב נישט געזינד געוואָרען אין זיין קרענק האָט זיך פערצויגען אַלענגערע צייט בּיז ער איז אַזוי פערשוואַכט געוואָרען דאָס ער האָט שוין נישט גיקענט פון בּעט אַראָבּ גיין דיא דאָקטוירעם האָבּען זיך שוין פון איהם מייאש געוועזען, זענען דיא שטאָדט לייט אַריין געגאַנגען צום רב פרעגען ווען זייא זאָלען נעמען פאַר א ממלא מקומו האָט דער רב געהייסען נעמען דעם פרעמדען וועלכער איז דאָה בּייא איהם, האָבּען זיך דיא שטאָדט לייט זייער גיפרייד וויַיל זייא האָבּען איהם שטאַרק ליעבּ געהאַט דורך זיינע גיטע מדות אין טובות וואָס זייא פלעגען אַלע מאָהל פון איהם צוא האָבּען, דער רב איז דעם אַנדערען טאָג נפטר געוואָרען אין דער פרעמדער וועלכער איז בּעשטימט געוואָרען אַלעס רב האָט איהם געמאַכט אגרויסען הספד אין האָט שטאַרק געוויינט דאָס ער האָט דעם גאַנצען עולם גערוהרט. אין ער אליין האָט געזאָגט נאָך דער קבורה קדיש וויַיל ער האָט געזאָגט דאָס ער האָט זיין גאַנצע תורה נאָהר דעם רב צוא דאַנקען

דאַנקען אין דרובער האט ער איין דין וויא ער וואלט גיוועזען זיינס
א קינד אזוי וויא דיא הייליגע חכמים זכרונו לברכה זאגען דער וואס
לערינט מיט זיין חבר'ס זוהן תורה איז גלייך וויא ער וואלט איהם
געבאָרען אין דער רב האט דאך מיט איהם כל ימיו גילערינט, דרובער
הייסט גלייך וויא ער וואלט גיוועזען זיינס אפאטער, אין ער איז
מחויב נאך איהם קדיש צוא זאגען. דער פרעמדער וועלכער איז יעצט
רב געווארען האט זיין רבנות זייער גיט געפיהרט אלע שטאדט לייט
זענען פון איהם זייער ציא פרידען גיוועזען אין אז צווייא מענטשען
האבען בייא איהם געהאט א דין תורה האט ער דיא בעלי דינים
אזוי גיט ערקלערט דאס אפילו דער וואס איז ארויס געגאנגען מחויב
איז פון דעם פסק צו פרידען געבליבען אין ער האט געהאלטען אלעס
וויא דער רב האט געפסקענט. אויך האט ער געמאכט גרויסע תקנות
אין שטאדט, אין האט אויך פיעל שתדלונות געמאכט פאר אלע וועלכע
האבען זיך גענויטיגט דרונען וויל ער האט דאך גיקענט זייער גיט
דיא לאנד שפראך אין איז אויך בעוויסט גיוועזען מיט אלע פראצעס
האט ער גיקענט גיט פערטיידיגען דיא וועלכע זענען אומשולדיג
בעשטראפט געווארען דיא שטאדט מענטשען האבען זיך פשוט גישעצט
אונטער זיין רבנות. אין דורך זיין קלוגשאפט אין גוטסקייט אהן
אונטערשייד צוא יודען אין צוא נישט יודען ווער עס האט נאהר
גענויטיגט זיך אין זיין הילף יענעם א נעצה צו געבען צוא
מאטריעליש איינעם פון אנויט ארויס העלפען מיט געלט איז ער
שטענדיג גרייט גיוועזען, אין דורך דעם איז ער אויך בייא נישט
יודען אויך זייער בעליבט געווארען זייא פלעגען צוא קומען נאך
פערשידענע עצות אין ער האט יעדען גיטע עצות גיגעבען, אין
אלע אינטערעסען אפילו גראפען אין פירשטען פלעגען צוא קומען
איהם עצות פרעגען אין האבען זיך זייער פערווינדערט אויף זיין גרויסע
ידיעה אין זייערע געשעפטין גלייך וויא ער וואלט דיא אלע זאכען
אליין פראקטיקירט אזוי וויא דער אמת איז טאקע גיוועזען, אבער
קיינער האט דאך דאס נישט געוויסט אין עס איז אויך קיינעם נישט
איינגעפאלען אזוי אזאך צוא קלערען, דרובער איז בייא זייא געבליבען
דאס ער איז זייער אגרויסער הייליגער מאן אין ער וויסט דאס
אלעס ברוח הקודש אין ער איז אזוי טאקע בעשמט געוואָרען

אין

אין גאַנצען אומגעגענד אין מען האָט אָנגעהויבען צוא איהם צוא קומען מזכיר זיין הולאים אין אַנדערע בקשות אין אַלעס וואָס ער האָט געזאָגט האָט השי"ת געהאָלפען דאָס עס איז אַזוי מקוים געוואָרען :

איינמאהל האָט אַנ'אומליג געטראָפען אין איינעם פון די שענסטע שטאָדט בעלי בתים'ס אַ טאָכטער איז אַריין אַ דיבוק ר"ל אין ער האָט זי זייער גיפּאַניגט איז מען תיכף געלאָפען צום רב ער זאָל מתפלל זיין דעם דיבוק זאָל אַרויס פון איהר, האָט דער רב געהייסען צו זאַמען רופען די גאַנצע שטאָדטישע בעפעלקערונג אויפ'ן שוהל הויף איינער האָט געהייסען ברענגען דאָס מיידיל וועלכעס דער דיבוק איז אין איהר גיוועזען אין ער אַליין האָט געזאָגט תהילים פאַר'ן עמוד מיט גרויס כוונה אין אויך דער גאַנצער עולם האָט געזאָגט תהילים אין ערינסקייט נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעזאָגט תהילים איז דער רב אַרויף געגאַנגען אויפ'ן בעלעמער אין געזאָגט מוסר פאַר דעם עולם אין זיי מעורר גיוועזען תשובה צו טוהן דער עולם איז זייער איבער רעשט געוואָהרען פון דערשרעק אין די דברי מוסר וואָס דער רב האָט געזאָגט האָבען געהאַט זייער אַגרויס ווירקונג אין אַפילו די גרעסטע בעלי עבירה האָבען מהרהר בתשובה גיוועזען דער נאָך איז דער רב צו געגאַנגען אין געזאָגט צו דעם דיבוק אין זכות פון דער תשובה וואָס דער גאַנצע קהל האָט געטוהן בין איך אויף דיר גוזר די זאָלסט תיכף אַרויס פון דעם מיידיל אויף אַנ'אופ'ן וועלכעס די זאָלסט איהר ח"ו דעם מינדעסטען שאָדין נישט מאַכען, ווי דער דיבוק האָט דאָס גיהערט האָט ער גיגעבען אַ געשריי מיט גרויס חוצפה ווער ביסטו פאַר איינער וואָס די הייסט מיך אַרויס גיין די ביסט דער זעלבער רשע וואָס איך, מיר זענען דאָך גיוועזען ביידע חבירים אין ביידע גלייך געשכאַדט. אין די האָסט דאָך אַ נישט יודיש ווייב גענימען אין מיט איהר ממזירים געהאַט. יעצט האָסטו אַ העזה שטאָדט רב צו ווערען אין אויף מיר גוזר צו זיין איך זאָל אַרויסגיין פון דעם אָרט וואָס איך האָב מיר אויסגעליבין, ווי דער רב האָט דאָס גיהערט איז ער נאָך אַ מאָהל אַרויף געגאַנגען אויפ'ן בעלעמער אין געזאָגט. רבותי. איהר זאָלט וויסען אַז דאָס אַלעס וואָס דער דיבוק האָט געזאָגט איז אמת איך האָב זאָך צום בעדוירען פיהל מעהר געזינדיגט ווי ער האָט אויסגירעכינט נאָר איך האָב גרויס תשובה געטהון

געטוהן, אין ער זעהט אויס איז געשטאָרבען אָהן תשובה ר״ל דרובער האָט ער אַזוֹי אַנ'עונש. אין יעצט האָב איך זוכה גיוועזען דאָס איך האָב רשות פון הימעל גוזר צו זיין אויף איהם אין ער מיז מיך פאָלגען. דרובער בין איך גוזר נאָך אַ מאָהל דאָס דער דיבוק זאָל שוין אַרויס פון דעם מיידיל, איז דער דיבוק תיכף פון איהר אַרויס אין ער האָט איהר קיין שום שאָדען נישט געמאַכט. דער רב האָט איהר אויך גיגעבען אַקמיעה דער דיבוק זאָל צוא איהר שוין מעהר קיין שליטה נישט האָבען. אין דעם דיבוק האָט ער גיגעבען א תיקון אין ער האָט נאָך איהם קדיש געזאָגט אַגאַנץ יאָהר, אין דער רב האָט שוין געהאַט אַלעס מתקן גיוועזען נאָהר איין זאַך וועלכע ער האָט פערגעסין דרובער איז אויף איהם געקומען דער בזיון ר״ל, וואָס דער דיבוק האָט איהם מפרסם געמאַכט פאַר דער גאַנצער שטאָדט, פון דעם קען מען זעהן דעם גרויסען כח פון תשובה, אין אַז אַמענטש טאָהר זיך נישט מייאש זיין אפילו ווען ער האָט פיעל געזינדיגט אין ער וועט תשובה טוהן וועט השי״ת איהם מוחל זיין אין ער קען נאָך קומען צוא דער גר[illegible]סער מדריגה. השי״ת זאָל אונז העלפין מיר זאָלען זוכה זיין צו טהון אמת'דיגע תשובה אין מיר זאָלען זוכה צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

# אַוואונדערליכע ערצעהלונג וואָס דער קאָזעניצער רבי ר' אלעזר זכרונו לברכה האָט דער ציילט:

דער הייליגער רבי ר' אלעזר'ל זכרונו לברכה פון קאָזעניץ האָט דערציילט דאָס דער הייליגער רבי ר' שלום זכרונו לברכה פון בעלז האָט איהם דערציילט. אין אַ שטאָט איז גיוועזען אַ יודישער דאָקטער אין וויא דאָס רוב פון דער פראָפעסיע זענען זייער שוואַך אין יודישקייט. אַזוֹי איז דער דאָקטער אויך גיוועזען אַגרויסער בעל עבירה ר״ל אין ער האָט געהאַט אַ זוהן האָט ער דעם זיהן אויך געפיהרט אין זיינע פערדאָרבינע וועגען אין ער איז אויך געוואָרען אַגרויסער רשע אין אַ בעל עבירה ר״ל. נאָהר זיין מוטער האָט איהם

געבאָטען

געבאָטען איין זאך אז ער זאָל דאָס איהר צוא זאָגען דאָס ער וועט עס שטענדיג היטען, ער זאָל קיינמאָהל נישט עסען אומגעוואַשען דיא זאך האָט ער איהר צוא געזאָגט און ער האָט זיא געהיטען מיט אַלע כוחות. עס איז בייא איהם רעכט געוועזען צוא פאַסטען אפילו אגאנצע טאָג אויב ער האָט נישט בעקומען קיין וואסער צוא וואַשען און ער האָט נישט גיגעסען אום געוואַשען. ער האָט דיא מצוה געהיטען זיין גאַנץ לעבען:

איינמאָהל האָט ער געהאַט אַ דין תורה מיט איינעם און וויא דער רב האָט איהם אָוועג געפסקענט. איז איהם דיא דין תורה נישט גיפעלין און ער האָט נישט גוואָלט האַלטען דעם פסק. האָט איהם דער רב געלייגט אין חרם אַריין אָבער ער איז גיוועזען זייער ווייט פון יודישקייט און דרובער האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון דעם רב מיט זיין חרם. מיט דער צייט האָט זיך געמאַכט דאָס ער האָט בייטיג געדאַרפען פאָרען אין אַוויטען וועג וואָס דער וועג איז גיוועזען זייער מסוכנדיג. עס האָבען דאָרט געלאַקערט פיעל באַנדיטען און אַלע פאַסאַזירען וואָס זענען דאָרט אַדורך געפאָרען זענען נישט זיכער גיוועזען מיט לעבען. דרובער ווער עס האָט געדאַרפען אין דער שטאָדט אַריין צוא פאָרען האָט געוואַרט ביז עס האָט זיך צו זאַמען גענומען פיעל פאַסאַזירען און זייא זענען אַ דורך געפאָהרען דאָס מקום סכנה. אַלזאָ דער דאָקטער איז געגאַנגען געוואָהר ווערען בייא אַלע סוחרים ווער עס פאָהרט אין יענער שטאָדט אַריין. אָבער אַלע האָבען איהם מדחה גיוועזען מיט פערשידענע תירוצים וויל זייא האָבען נישט געוואָלט מיט איהם צו זאַמען פאָרען. דורך דעם וויל ער איז גיוועזען אין חרם ר״ל. אָבער וויל ער האָט געדאַרפען בייטעג צוא פאָהרען האָט ער בעשלאָסען צוא פאָהרען אַליין צו דעם צוועק האָט ער זיך געקויפט אַ גיט פערד צום רייטען כדי דער וועג זאָל בייא איהם נישט לאַנג דויערען. און ער האָט זיך אַרויס געלאָזט אויף דער רייזע רייטענדיג אויף אַגיט פערד. אָבער דאָה איז מיט איהם אַ אומקליג גישעהן ער האָט פערגעסען זיך מיט צוא נעמען וואסער צום וואַשען, און דרובער איז אַדורך געגאַנגען דרייא טעג און ער האָט נישט געגעסען וויל ער האָט נישט געהאַט קיין וואסער צום וואַשען און ער איז דרונען זייער געוואָרענט גיוועזען זיין גאַנץ לעבען נישט צוא עסען אום געוואַשען. דעם פיערטען טאָג איז ער צוא געקומען

געקומין צו אַ טייך האָט ער זיך שוין דערפרייט ער וועט בעקומין
וואַסער צום וואַשין אין ער וועט קענען זיין הינגער שטילין, אָבער אין
דעם אויגענבליק האָט ער בעמערקט דאָס פינדערוויטענס לויפען
אַ באַנדע גזלנים ער האָט זיך קיין עצה נישט גיקענט געבין זאָל ער
זיך אָבשטעלין דאָה וואַשען האָט ער מורא די גזלנים זאָלין איהם
נישט נאָכיאָגען אין וועלין איהם הארגינען אין בערויבען. אָבער ווען
ער וועט זיך נישט אָבשטעלין וועט ער דאָך פון הינגער מיזען ח״ו
אומקומען. אין עס איז איהם גאָר נישט איינגעפאַלין דאָס פון פיקוח
נפש וועגען מעג מען עסען אומגעוואַשען, ער האָט זיך אָבער
בעשלאָסען דאָס ווייטער ווייסט ער דאָך נישט צו ער וועט בעקומין
וואַסער אין נאָך פאַסטען וועט ער שוין נישט איבער האַלטען דרובער
איז גלייכער ער זאָל זיך דאָה געשווינד וואַשען אין דער נאָך אינטער
יאָגען דאָס פערד אפשר וועט איהם געלונגען אַנטלויפען איידער די
גזלנים וועלין אָנ׳קומען, אין ער האָט טאַקע זיך אָבגישטעלט אין
געוואַשען אָבער דער ווייל זענען די גזלנים אָהן געקומין אין האָבען
איהם גי׳הרגעט אין בערויבט, ווי זיין נשמה איז געקומין פאַר דעם
בית דין של מעלה איז געקומין די מצוה פון נטילת ידים אין געמאַכט
אַגרויסען רעש דאָס דער מענטש האָט זיך איבער דער מצוה מוסר
נפש גיוועזען דרובער קומט איהם גן עדן, האָט דאָס בית דין של מעלה
איהם אָבגעפסקענט גן עדן אָבער ווי ער איז צו געקומען צום טויער פון
גן עדן האָט דער שומר הפתח איהם נישט געוואָלט אריין לאָזען ווייל
ער איז גיוועזען אין חרם ר״ל גאָר ער זאָל פרוהער אַראָב גיין אויף
דער וועלט צו דעם רב דאָס ער זאָל איהם מתיר זיין דעם חרם, האָט
ער געמוזט אַראָב גיין אויף דער וועלט אין ער האָט זיך בעוויזען אין
חלום צו דעם רב אין האָט איהם גיבעטין ער זאָל איהם דעם חרם
מתיר זיין האָט דער רב איהם דעם חרם מתיר גיוועזען, אין ער איז
צוריק געגאַנגען אויף יענים עולם אַריין צו גיין אין גן עדן אַריין.
אָבער ווי ער איז צו געקומין צום טויער פון גן עדן האָט דער שומר
הפתח, איהם ווידער נישט אַריין געלאָזט ווייל מען האָט איהם מחרים
גיוועזען שריפטליך האָט מען געדאַרפען מתיר צו זיין אויך שריפטליך
דרובער האָט ער געמוזט נאָך אַ מאָהל אַראָב גיין אויף דעם עולם אין
זיך בעוויזען צום רב וואַכעדיגערהייט אין ער האָט איהם דערציילט
די גאַנצע מעשה ווי עס האָט מיט איהם פאַסירט אין אַז ער ליגט

אויף

אויף דעם אָרט ביים טייך אַ געהארגיטער, דרובער בעט ער דעם רב ער זאָל איהם געבין שריפטליכע התרה אין ער זאָל איהם הייסען ברענגען צו קבר ישראל דער רב האָט איהם באַלד גיגעבין אַ שריפטליכע התרה אין אויך צו געזאָגט דאָס ער וועט בעטין די ערשטע פּאַרטיי סוחרים וועלכע וועלין דאָרט אַ דורך פאָהרען זיי זאָלין איהם ברענגין צו קבר ישראל אין אַזוי רייידענדיג מיט דעם רב האָט דער רב אין איהם בעמערקט דאָס ער איז אַגרויסער למדן האָט זיך דער רב דרויף זייער געוואונדערט ווייל ער האָט איהם גיקענט ביים לעבין דאָס ער האָט אַפילו נישט גיקענט דאַוויגען, האָט דער רב איהם גיפרעגט פיגדאַנען ער קען אַזוי גיט לערנען האָט ער איהם גיענטפערט דאָס איידער ער איז געגאַנגען אין גן עדן אריין האָט דער מלאך פון דער מצוה נטילת ידים מיט איהם גילערינט די גאַנצע תורה. פון דער מעשה קען מען זעהן ווי גרויס דער כח פון אַ מצוה דאס אַפילו אַ מצוה דרבנן ווי נטילת ידים האָט עס דעם מענטש גיברענגט צו ירשינן גן עדן. אויך קען מען זאָגען דערמיט פשט אין פסוק ואל תטוש תורת אמך. די זאָלסט נישט גרינג שעצין די תורה פון דיין מיטער וועסטו זוכה זיין אויף יענער וועלט צו קומין אין גן עדן אריין דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלין געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גיטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן :

---

# אַ ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען רבי ר׳ וועלוועלע סטריקובער זכרונו לברכה :

**איינמאהל** זענען די הייליגע צדיקים דער רבי ר׳ יחיאל מאיר גאָסטעניגער. אין דער ר׳ וועלוועלע סטריקאָווער זכרונם לברכה גיזעסען עטליכע וואָכען ביים רבי׳ן אין קאָצק אין זיי האָבען נישט גיקענט אריין גיין צום רבי׳ן אַזוי ווי עס איז בעוויסט דאָס עס פלעגט זיך מאַכען צייטען וואָס דער רבי האָט זיך פערשלאָסען אין קיינעם נישט אריין געלאָזט אַפילו די גרעסטע חשובים זיי זענען זייער משעקאָווע גיוועזען צו וויסען וואָס דער רבי טוהט יעצט אין זיין חדר האָבען

האבען זייא בעשלאסען זייא זאלען זיך אינטער שארען צו דעם רבינ'ס טהור אין אריין קוקען דורך דעם לאך פון דעם טיער ווי מען שטעקט אריין דער שליסעל וועלען זייא זעהן וואס ער טהוט יעצט. אבער נאך איידער זייא האבען זיך צוא געבויגען אריין צוא קוקען. האט דער רבי פלוצלינג גיגעבען אנעפען דיא טיער זענען זייא זייער דערשראקען געווארען אין זענען אנטלאפען דעם רבי'ן ר' וועלוועלע האט געגראטען. דאס ער איז אנטלאפען ארויס פון בית מדרש. אין דער רבי ר' יחיאל מאיר האט שוין נישט געדאנגזעט ארויס צוא לויפען פון בית מדרש האט ער זיך דארט אין בית מדרש בעהאלטען אין אווינקעלע. אבער דער רבי האט גיעפינט אין איז ארום געגאנגען אין בית מדרש אין געזוכט אין אלע ווינקעלעך ביז ער האט געפינען דעם רבי'ן ר' יחיאל מאיר אין אווינקעלע אין ער האט געציטערט. האט איהם דער רבי גיפרעגט ווער איז דער צווייטער וואס איז דאה גיוועזען מיט איהם. האט ער געמוזט אויסזאגען אז דער צווייטער איז גיוועזען דער רבי ר' וועלוועלע סטריקאווער האט דער רבי איהם געהייסען אריין רופען. דער רבי ר' יחיאל מאיר איז תיכף געגאנגען רופען זיין חבר דעם רבי'ן ר' וועלוועלע אין זייא זענען ביידע אריין געגאנגען צום רבי'ן. האט זייא דער רבי געזאגט איך וויל אייך עפיס פרעגען איהר זאלט מיר זאגען וויא אייער חוות דעת איז אין דער זאך זייא זענען געשטאנען אין איין ציטערניש, אזוי וויא עס איז בעוויסט דאס אפילו דיא גרעסטע חשובים בשעת זייא זענען אריין געגאנגען צום רבין האט זייא אנגענומען אציטערניש, אין דער רבי האט זיך נאך דיא ווערטער אביסעל אפ גערוהט אין דערנאך האט ער ווייטער געזאגט עס ליגט דאה פאר מיר צווייא בקשות וועלכע זענען הערשט אנגעקומען איינע פון א מסוכן א קראנקען וועלכע איז שוין כמעט אגוסס, אין דאס צווייטע פון אמקשה לילד, אין אייבער ווארט אויף דעם צווייטען דאס הייסט דיא נשמה פון דעם מענטש דארף מגולגל ווערען אין דעם קינד אלזא וואס זאל איך טהון. זייא זענען אבער גיוועזען שטארק איבער געשראקען אין האבען זייער געציטערט, דרובער האבען זייא גאהר נישט גיענטפערט דער רבי האט אבער נאך אמאהל געזאגט איך פרעג דאך אייך אין וויל וויסען אייער חוות דעת אין דער זאך, פאר וואס ענטפערט איהר נישט. האט זיך דער רבי ר' וועלוועלע געשטארקט אין ער האט זיך אנגערופען ווען עס זאל קומען פאר מיר אזוי אזאך וואלט איך געמוזט

בעטען

בעטען בייא השי"ת דאס ער זאל דעם קינד אהין געבען אנייע נשמה. אין דער מסוכנדיגער חולה זאל אויך געזונד ווערען האט זיך דער קאצקער רבי זייער געווינדערט אין ער האט געזאגט דיא האסט באמת ריכטיג געטראפען אזוי דארף זיין אין אזוי וועל איך אויך טוהן, דער זכות פון דיא היילינע צדיקים זאלען אונז בייא שטיין אין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

# זעהר אוואונדערליכע ערצעהלונג וואס דער היילינער רבי ר' העניך זכרונו לברכה פון אלכסנדר האט דערציילט:

איינמאהל האט דער הייליגער רבי ר' העניך פון אלכסנדר דערציילט פארן עולם דיא ווינדערליכע מעשה וואס דערפין קען מען זעהן וויא וויט מען דארף נזהר זיין נישט קובר צו זיין א נישט ערליכען לעבען א צדיק. איינמאהל זענען געפארען פיער מאקאווער סוחרים קיין פרייסען. אין וועג איז אנאומגליק גישעהן אייגער פון זייא איז קראנק געווארען אין געשטארבען, אין יענער צייט איז מזרח פרייסען נישט גיוועזען בעוואהנט מיט קיין יודען ווייל עס איז גיוועזען באלד נאך דעם גרויסען ברודער קריג אין גירוש וואס דארט איז פאהר געקומען. האבען זייא איהם נישט געהאט וויא צוא בעגראבען. זייא זענען מיט איהם אזוי געפארען עטליכע טעג ביז ער האט אנגעהויבען קאליע צוא ווערען אין צוא שטינקען זייא האבען נישט געוויסט וואס פאר אנעצה צוא געבען זיך אין האבען זיך שטארק צו וויינט דער ווייל זענען זייא א דורך געפאהרען דורך אקרעטשמע. האבען זייא זיך אבגישטעלט נעמען אביסעל בראנפען כדי זייא זאלען זיך אביסעל בערוהיגען פון זייערע צרות זענדיג אזוי אין קרעטשמע האבען זייא זיך צוזאמען גירעדט מיט דעם קרעטשמער וועגען יודען האט זייא דער קרעטשמער געזאגט אז אין דעם געגענד איז אמאהל גיוועזען א גרויסער יודישער ישוב אין אויך אז נישט ווייט פון דאנען געפינט זיך א יודישער בית החיים דיא יודען איז זיינע רייד גיוועזען

ממש

ממש אַ בשורה טובה זייא האָבען בייא איהם גיפרעגט גענוי׳ דעם וועג צוא דעם אָרט. אין זענען גלייך דאָרט אַ הין געפּאָהרען זייא האָבען דערזעהן אַגרויסען פלאַץ אַרום געצוימט פון אַלע זייטען האָבען זייא זיך זייער געפרייד אין זייא זענען דאָרט אַריין געגאַנגען אין האָבען אויף איין אָרט אויס געגראָבין אַ קבר אין זיי האָבען דעם בר מינן אַריין געלייגט. אָבער ווי דערשראָקען זענען זיי געוואָרען וואָס אין דער מינוט וואָס זיי האָבין דעם בר מינן אַרייגעלייגט איז אַרויס פון דעם גריב אַ גרויסער שטאָרעם ווינט, אין זיי האָבין דערהערט אַ קול נעמט אַרויס דעם מת פון דאַנען ווייל ער איז נישט ראוי צו ליגען מיט אינז אין באַלד האָבען זיי גיזעהן דאָס דער בר מינן איז גילעגען אין דרויסען אין דאָס קבר איז געוואָהרען צוריק צו געשיט, זיי האָבען אַפילו זיך גיט דערשראָקען נאָר זיי האָבען דאָך קיין עצה נישט געהאַט האָבין זיי צו גענימין דעם בר מינן אין זיי זענען געגאַנגען אין דער אַנדערע זייט ווייט פון דעם פריהרדיגען קבר אין האָבען דאָרט אויסגענימען אַ קרקע אין דעם בר מינן קובר גיוועזען, אָבער אויך דאָה האָט זיך איבער געחזרט דאָס זעלבע עס איז אַרויס געגאַנגען אַ שטורם אין האָט דעם בר מינן אַרויס געלייגט אויפ׳ן קבר אין דאָס קבר איז צוריק פערשיט, אין עס איז אַרויס געגאַנגען אַ קול נעמט אייך צוריק דעם בר מינן ווייל ער איז נישט ראוי צו ליגען לעבין אינז. זיי האָבין דערפין גרויס עגמת נפש געהאַט נאָר פערפאַלען זיי קענען איהם דאָך נישט צוריק נעמין זענין זיי געגאַנגען אין אויסגענימין אַ קרקע בייא דער וואַנט. אין האָבען איהם דאָרט קובר גיוועזען אין האָבין מחילה גיבעטין ביי די מתים וואָס ליגען דאָרט חאָטש דער בר מינן איז נישט ראוי צו ליגען לעבין זיי, בעטין זיי אז זיי זאָלין מוחל זיין אויף זייער כבוד אין זאָלין רחמנות האָבען אויף דעם טויטען אין זאָלין איהם לאָזען ליגען ביי זיי חאָטש לעבין דער וואַנט, דער ווייל איז נאַכט געוואָהרען זענען זיי צוריק געפאָהרין אין די קרעטשמע אריין, ביי נאַכט האָט זיך זיי יעדין איינעם געחלומט דאָס דער בר מינן ליגט צוריק אין דרויסען ביי דער דרויסענדיגער וואַנד פון בית החיים, אין דער פריא זיי האָבין זיך אויפגעהויבען האָט יעדער איינער אָהנגעקוקט אין צווייטען אָבער קיינער האָט נישט גיוואָלט דערציילין דעם צווייטען פון זיין חלום, ווייל זיי האָבין זיך שוין נישט געוואָלט דערמאַנען אָהן דער מעשה, אָבער ווי פערווינדערט

זענען

זענען זיי געוואָהרען ווען זיי האָבען שוין געהאַט אַלעס איינגעפּאַקט אין איינגעשפּאַנט די פערד. האָבען זיי דער זעהן דאָס דער בר. מינן שטעהט פאַר די פערד אין ער האָט געזאָגט דאָס ער וועט זיי נישט לאָזען רוהרען פון דעם אָרט ביז זיי וועלין זיין רעכט טוהן. אין איהם קובר זיין האָטש ביי דער וואַנט אין דרויסען, האָבען זיי זיך געמוזט אומקערען צום בית החיים אין האָבין דאָרט דעם בר מינן קובר גיוועזען ביי דער וואַנד אין דרויסען. דער נאָך זענען זיי אַוועק געפאָהרען פון דאָרט אין זיי האָבען זיך דאָרטען נאָך גיפרעגט ווער עס זענען די מתים וואָס ליגען אויף דעם בית החיים. האָט מען זיי געזאָגט אַז דאָס זענין מענטשין וועלכע זענין אומגעקומין אויף קידוש השם ווען די שונאים האָבען אויף זיי גוזר גיוועזין שמד ר״ל האָבען זיי זיך בעסער געלאָזט אומברענגין אין האָבין זיך נישט געוואָלט שמד׳ען דרובער איז זייער מדריגה אַזוי גרויס. אין זיי האָבין נישט גיקענט ליידין עס זאָל ביי זיי ליגען איינער וואָס דאַרף נאָך אָב קומען אַ עונש אין גיהנם. אין אַז מיין רבי דער רבי ר׳ בונם זכרונו לברכה איז גיוועזען אין פרייסען האָט ער אויף געלייגט אַכט מייל וועגס אין ער איז גיפאָהרען דאָרט אַ הין אין ער האָט דאָרט מתפלל גיוועזען אויף די הייליגע קברים. אַזוי האָט דער רבי ר׳ העניך דערציילט פאַר דעם עולם זיי זאָלין שטאַרק נזהר זיין אין דער זאַך:

און איינמאָהל איז געשטאָרבין אין שילדאָווצע אַנ׳אַנגיזעהנע פרוי אין מען האָט זי קובר גיוועזען לעבין איינע וועלכע איז גיגאַנגען אין די האָר. דער נאָך איז איינע פון איהר פאַמיליע זייער קראַנק געוואָהרען איז מען געפאָרען קיין גור צום שפת אמת זכרונו לברכה האָט ער געזאָגט אַז עס האָט איהר געשאַדט דאָס וואָס זי האָט נישט גיזעהן אַז מען זאָל איהר קרובה קובר זיין לעבין ערליכע מענטשין נישט לעבין אַזעלכע וואָס זי איז גיוועזען פערשאַהרט ביים לעבין. דער נאָך איז די געשטאָרבענע פרוי אַליין געקומין צום חלום דער קראַנקער אין האָט איהר געזאָגט אַז דאָס ליידט זי אַנ׳עונש וואָס זי האָט זיך נישט אַרויס גישטעלט מען זאָל זי נישט קובר זיין לעבין דער הצופה. פון דעם זעהן מיר ווי מען דאַרף שטאַרק נזהר מען זאָל אויסקלויבין יעדין בר מינן אַ קרקע צווישען אַזעלכע מענטשין וואָס זענין ביים לעבין גיוועזען זייער גלייכין. אין דעם זכות וועלין זייערע

זכותים

זכותים אויף אינז מגין זיין פון אַלע שלעכטע גזירות אין מיר וועלין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

## ווי אזוי דער היילגער קאצקער זכרונו לברכה האט מחזיר בתשובה געוועזען אבעקאנטען גביר:

איינמאהל ווען דער הייליגער רבי ר׳ מענדילע ז״ל וועלכער איז בעוויסט מיט דעם נאָמין דער אַלטער קאָצקער איז נאָך גיוועזין אַ יונגערמאַן אין ער איז געגאַנגענגען צו פיס צו זיין רבי׳ן דער רבי ר׳ בונם מפרשיסחא זכרונו לברכה אין מיטען וועג האָט ער בעגעגענט זיינע אַ בעקאַנטען פון דער יוגענט. יענער איז דאַמאָלסט שוין גיוועזין אַ היינטיגער אין דער צו אַגרויסער .גביר, ער איז געפאָהרין אין אַ פערמאַכטע קאָטש מיט אַ פּאָהר גיטע פערד נאָר ווי ער האָט דערזעהן זיין יונגען חבר דעם הייליגען קאָצקער גיין צו פיס האָט ער דעם קוטשער געהייסען אָבשטעלין אין ער האָט געהייסען וואַרטען ביז דער קאָצקער וועט צו קומין, אין ער האָט איהם גיבעטין ער זאָל זיך אויפזעצען אין דער קאָטש אַריין. דער הייליגער קאָצקער איז אויפגיזעסען מיט דעם גביר וועלכער איז שוין דאַמאָלסט גיוועזען אַפּרייער אין זיין אויפפיהרונג איז גיוועזין נישט יודיש. נאָר לכבוד זיין חבר האָט ער אָנגעהויבען מיט איהם צו שמיסען דברי תורה אין מוסר וחסידות אַזוי ווי זיי האָבען גירעדט האָט דער קאָצקער געזאָגט צום גביר ליבער ברודער ווי איז דיין גביר׳שאַפט אין דיין עולם הזה האָט דער גביר געלאַכט אין האָט איהם גיענטפערט די זעהסט נישט מיין קאָטש אין מיינע פערד אין דער ערל דער קאָטשער וואָס איז אויך ביי מיר אַ שטענדיגער פאַראָביק ווי רייך ער גייט אָהנגעטוהן אין ביי מיר אין הויף איז ער נישט איינער איך האָב אַ סאַך פאַראָבקעס אין דינסטען אין פעלדער אין וועלדער אין בהמות. אין פון אַלע מיני צוהרינג וואָס גיבט נאָהר. האָט איהם דער הייליגער קאָצקער געזאָגט דאָס איז דאָך דיין עולם הבא. אָבער איך פרעג דאָך דיר אויף עולם הזה דיא ווערטער וואָס זענין אַרויס געגאַנגען פון אַזוי אַ הייליגען מענטש זענען נישט געבליבין אָהן ווירקונג זיי זענען דעם גביר

גביר אַרײַן געטרונגען אין הארץ אַרײַן אין די לאַכעֶדיגעֶ מינע איז פעֶרשווינדין פון זײַן פנים, אין ער האָט אָהנגעֶהויבין צו וויינעֶן אין געזאָגט צום הייליגען קאָצקעֶר אויב איך האָב יאָה גיהאַט אַ זכות אין הימעֶל דאָס מעֶן האָט דיך דאָה צו געשיקט די זאָלסט מיך אויפוועקען פון מײַן נאַרישעֶן שלאָף, אין מיר עפינען די אויגעֶן איך זאָל מיך דערמאַנעֶן הוי איך בין אין דעֶר וועלט איז אויף דיר מוטל די זאָלסט צו קאָנצען די גאַנצע מצוה אין זאָלסט מיך אַרויספירעֶן אויפ׳ן גיטען וועג אין מיר מסדר זײַן אַ דרך תשובה. דער הייליגער קאָצקעֶר האָט איהם מיט גענימין צום רבי׳ן ר׳ בונם אין דער רבי ר׳ בונם האָט איהם אַרויסגיגעבין אַ תשובה אין אַ דרך ווי אַזוי זיך ווייטער צו פיהרען אין זײַן עשירות בדרך התורה. דער גביר האָט אַלעֶס מקיים גיוועזין ער איז געֶוואָהרען אַנ׳אמת׳דיגעֶר בעל תשובה. אין פלעגט אַלעֶ מאָהל צו קומען צום רבי׳ן ר׳ בונם, ער פלעֶגט אויך פיהל צדקה צו געבין די נישט פעֶרמעֶגליכע חסידים אין אַ סאַך האָט עֶר אַרײַן גענומין אין זייגעֶ גישעפטין פאַר שרייבערס אָדעֶר אַנדעֶרע שטעלעס, אין ער אַליין פלעגט מעהרסטענטייל צו פאַרברענגען אין תורה ועבודה ביז ער איז געוואָרען אַ גרויסעֶר בעל מדריגה אין ער איז גירעכינט געֶוואָהרען צווישען די חשובע חסידים אין פשיסחער הויף, דעֶר נאָך ווי דעֶר רבי ר׳ בונם איז נסתלק געוואָהרען פלעגט ער אויך צו פאָרען צו זײַן יוגענד חבר אין רעטעֶר דעֶר קאָצקער זכרונו לברכה:

אַזוי האָט אויך איינמאָהל געטראָפעֶן בײַ דער גרויסען חסידישעֶן גאון אין צדיק דעֶר חידושי הרי״ם זכרונו לברכה דאָס אייגער אַ גביר האָט איהם גיפרעגט עֶס שטייט אין קריאת שמע וסרתם, אויב איהר וועט ח״ו אָבקעֶרעֶן פון גוטעֶן וועֶג ואבדתם מהרה. וועט איהר אומגליקליך ווערען אין פעֶרלוירען ווערען פון אַלעם גוטעֶן וואָס אויף דער וועלט. לסוף זעה איך דאָס איך האָב שוין עובר גיוועזען אויף אַלעֶ עבירות שבתורה ר״ל אין אַלעֶ טאָג בין איך גליקליכעֶר אין עֶס גייט מיר בעֶסעֶר, האָט דער חידושי הרי״ם איהם געזאָגט אויב די פרעגסט אַ קשיא פון קריאת שמע האָסט די דאָך מסתמא איינמאָהל בײַ דיין לעבין געֶזאָגט קריאת שמע. האָט דער גביר איהם גיענטפערט אַז עֶר האָט יונגערהייט איינמאָהל נאָך געטוהן אַזוי אַנאַרישקייט, עפרא לפומי׳ האָט איהם דער חידושי הרי״ם גיענטפערט די זאָלסט וויסען אַז דיינע אַלעֶ פערגעניגענס אין גליקען זענעֶן נאָך ווייניג פאַר

א יבמאָהל

אײנמאָהל קריאת שמע זאָגען, נאָר אויף דער וועלט קען מען מעהר נישט בעצאָהלען, אָבער די ערליכע וואָס זענען מקיים אַלע מצות וועלען בעקומען זייער שכר אויף יענער וועלט וואָס מען קען דאָס גאָר נישט בעגרייפען דעם גרויסען שכר וואָס זיי וועלען בעקומען פאַר יעדען מצוה בעזונדער, די הייליגע ווערטער וואָס האָבען געמאַכט אויף דעם גביר אַגרויסען רושם אין ער איז געוואָהרען אַבעל תשובה. דער זכות פון די הייליגע צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען אויף זוכה זיין צו טוען אמת׳דיג תשובה אין גייען אין השי״ת וועג. אין מיר זאָלען געהאָלפען ווערין מיט אַלעם גוטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

---

## אַ וויכוח פון אַ קאָצקער חסיד מיט אַ טשערנאָבלער:

אין אַ שטאָדט איז געוועזין צוויי בחורים וואָס זיי זענין געוועזען זייער בעפריינדעט, זיי האָבין צו זאַמין געלערינט. אין זיי זענען גלייכע מיוחסים געוועזען. ווען זיי זענין אַ ביסעל אינטער געוואַקסען האָבין זייערע עלטערין מיט זיי שידוכים געטוהן איינער איז אַ חתן געוואָהרען פון וואָלינער קאַנט וואָס דאָרט זענען געוועזען אַ סאַך אָהנהענגער פון דעם טשערנאָבלער אין דער צווייטער פון וואַרשאַווער קאַנט וואָס דאָרט זענין געוועזין אַ סאַך קאָצקער חסידים. די בחורים האָבין חתונה געהאַט אין זיי זענין געוואָהרען גרויסע חסידים איינער אַ טשערנאָבלער אין דער צווייטער אַ קאָצקער. איינמאָהל האָבין זיך די צוויי יונגע לייט צו זאַמין געטראָפען האָבין זיי זיך אָהנגעהויבען צו דערציילין יעדער איינער די גרויסקייט פון זיין רבי׳ן. האָט דער קאָצקער חסיד גיפרעגט זיין חבר דעם טשערנאָבעלער זאָג מיר אין וואָס בעשטייט דער עיקר דער דרך החסידות וואָס אייער רבי לערינט אייך, האָט ער איהם גיענטפערט. דער עיקר וואָרענט ער אינז מיר זאָלין אויף זיין אַלע דאָנערשטיג ביי נאַכט אין לערנען אַ גאַנצע נאַכט, אין אין פרייטיג דער פריא צו גיין אין מקוה אַריין אין צו געבין צדקה ווי פיעל מען האָט די מעגליכקייט. אין שבת אין דער פריא אויס צו זאָגען גאַנץ תהילים אָהן אַ הפסק. האָט איהם זיין
חבר

חבר דער קאָצקער חסיד געזאָגט אינזער רבי לערינט אינז, דאָס אויף זיין דארף מען אויב מען האָט כח אַלע נאכט אין לערנין. און אין מקוה אַריין זאָל מען גייען אַלע טאָג אין צדקה זאָל מען געבין ווען עס קומט נאָר אַריין אַן אָרימאַן מעג זיין אפילו נישט פרייטיג אויב מען האָט נאָר געלד. אין תהילים זאָגט ער אַז אַזוי אַ זאַך וואָס דוד המלך עליו השלום האָט אויף געהאָדעוועט אין זיבציג איינציגע עטליכע שעה נאָר יעדער איינער דארף זאָגען ווי פיעל ער האָט די מעגליכקייט בכוונה ער זאָל וויסען וואָס ער רעדט מעג זיין אַפילו עטליכע קאַפּיטעל אין אַפילו עטליכע פסוקים ווייל אינזערע חכמים זכרונו לברכה לערנען אינז דאָס עס איז בעסער צו טיהן אָדער זאָגען ווינציגער מיט כוונה איידער אַ סאַך אָהן כוונה, ווי זיי זענין צוריק געפאָהרען צו זייערע רבי'ס האָט דער טשערנאָבלער אַריין גערופען דעם יונגעמאַן אין דער קאָצקער האָט אויף דעם צווייטען אַריין גערופען אין האָבין זיי גיזאָגט אַז דער אמת זענען ביידע וועגען גיט צו דינען השי"ת נאָר אַזוי ווי ביי אַ מלך בשר ודם איז דאָה פאַרשידינע סלוזבעס דער דאַרף אַזוי טוען אין דער צווייטער אַנדערש, ווייל צוויי אויף דעם אייגינעם דאַרף מען נישט. אַזוי איז ביי עבודת השי"ת יעדער צדיק האָט זיך זיין דרך אין יודישקייט אין אַלע מיינען נאָר דעם כבוד שמים די יונגע לייט זענין זייער פערוואונדערט זעהנדיג דעם אָפענעם רוח הקודש פון זייער הייליגע רבי'ס, דאָס זיי האָבין אַ ידיעה אַפילו דאָס וואָס זיי רעדין צווישען זיך אין דער היים נאָר יעדער פון זיי איז טשעקאַווע גיוועזין צו וויסען צו אויף דעם חבר'ס רבי ווייסט פון זייער געשפרעך האָבין זיי ביי זיך בעשלאָסען דאָס אַזוי ווי זיי וועלין אַהיים פאָרען זאָלין זיי אָבטרעטען יעדער ביי זיין חבר. אָבער ווי פערוואונדערט זענין זיי געוואָהרען ווען זיי האָבין זיך צו זאמין געטראָפען אין מיטען וועג. אין יעדער פון זיי האָט געזאָגט דאָס ער פאָהרט סכּציעל צו זיין חבר געוואָהר ווערין וועגין דער זאַך וואָס זייערע רבי'ס האָבין זיי געזאָגט אין זיי האָבין געדאַנקט השי"ת וואָס זיי האָבין זוכה גיוועזען זיך צו בעהעפטען אין די אמת'דיגע צדיקים, זייער זכות זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלין געהאָלפען ווערין מיט אַלעם גוטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

# א ווינדערליכע ערצעהלונג וואס איז פארגעקומען ביים חידושי הרי"ם זכרוני לברכה׳

איינמאהל ווען דער גרויסער און בעוויסטער גאון און צדיק ר׳ יצחק מאיר זכרונו לברכה, דער רבי פון גור. וועלכער איז בעוויסט און דער וועלט מיט דעם נאמען דער חידושי הרי"ם דורך דעם ווייט בערוהמטען חיבור וואס ער האט מחבר גיוועזען אויף ש"ס און שו"ע, האט אהנגעהויבען צו פיהרען רביסטווע האט ער געהאט א משמש ר׳ בונם ווארשאווער, און וויל דער רבי איז גיוועזען בטבע זייער א גוטער און ער האט יעדען מענטש אריין געלאזט און מיט איהם געשמיסט ווי לאנג ער האט געוואלט, פלעגט זיך טרעפין דאס עס האט זיך א מאהל אריין געהאפט א פראסטער מענטש וועלכער איז גיוועזען א פגע און פלעגט אב צו זיין ביים רבי׳ן ווי לאנג האטש דער רבי האט איהם שוין איינמאהל גיענטפערט. אזוי ווי די טבע פון די פראסטע מענטשין איז נאך „הייליגער רבי" און נאך א מאהל. און דורך דעם איז אויסגעקומען פיעל מאהל אנשים חשובים און אפילו רבנים האבין געמוזט ווארטען שעהן איידער דער מענטש איז ארויס געגאנגען דרובער האט זיך דער משמש איבער גיקלערט ער זאל מאכין א סדר ביים אריין גייען עס זאל נישט זיין ווי הפקר ווער עס וויל און איז שטארקער דער שטיפט זיך פרוהער אריין, האט ער מסדר גיוועזען פרוהער זאלין אריין גייען רבנים און דער נאך חסידים און דער נאך פראסטע מענטשין, אבער דאס ערשטע מאהל ווי ער האט געוואלט זיין סדר פערווירקליכען האט זיך געטראפען דאס עס איז אריין געקומען א הויכער מענטש מיט פראסטע מלבושים און ער איז געגאנגען גרויסע האר. לויט זיין גאנג האט ער אויסגעוויזען זייער א פראסטע מענטש און ער האט זיך דוקא געשטופט אריין צו גיין פרוהער פון אלע חסידים, און חאטש דער משמש ר׳ בונם האט איהם נישט געלאזט און האט זיך אויף איהם געבייזערט וואס ער האט א חוצפה זיך אריין צו שטיפען פרוהער פון אלע חסידים. האט ער איהם גאר נישט גיהערט און וויל ער איז גיוועזען זייער א שטארקער מענטש האט ער דעם משמש אוועק געשטיפט און ער איז אריינגעגאנגען האט אפילו דעם משמש גיט פערדראסען און אויך די אלע מענטשין וועלכע

זענען

זענען דאָרט געשטאַנען נאָר ווייל ער איז שוין געוועזען ביים רבין אין שטיב האָבין זיי נישט געוואָלט מאַכען מיט איהם קיין קריגעריי. אין זיי האָבין אָב גענוואַרט אַז ער וועט שלום נעמין אין אַרויס גיין וועלין זיי איהם געבין זיין פּאָרציע פאר דער גרויסער חוצפה וואָס ער האָט זיך מיט געוואלד אַריין געדרונגען צום רבי'ן. אָבער דער מענטש האָט זיך נישט אַזוי גיך אָבגעפּאַרטיגט. האָט דאָס דעם משמש נאָך מעהר פערדראָסען ער' האָט שוין מעהר קיין געדולד נישט געהאַט צוא וואַרטען אין ער האָט גיעפינט דיא טוהר אין איז אַריין געגאַנגען אין שלום שטיביל צום רבין ער זאָל דעם מענטש אַרויס פטרין אין זאָל נישט אויפהאַלטען דיא חסידים אַריין צוא גיין שלום נעמען, אָבער וויא פערוואונדערט איז ער געבליבען ווען ער האָט זיך אַביסעל מעהר דערנעהנטערט אין ער האָט גיהערט דאָס דער רבי האָט דעם מענטש גיפרעגט וואָס טהוט איהר דאָה האָט ער גיענטפערט איך האַנדעל מיט ראָגזעס סחורה צוא פאַקען, האָט דער רבי צוא איהם געזאָגט מיך וועט איהר נישט אָב נאַרען אין דערווייל האָט דער רבי דערזעהן דאָס דער משמש שטייס דערלעבען האָט ער איהם גיגעבען אַווינק דאָס ער זאָל אַרויס גיין אין זאָל אויסענוויינינג פערשליסען דיא טיער, אין דער רבי האָט מיט דעם מענטש אַוועק געשמיעסט אַלאַנגע צייט פערשלאָסענערהייט, האָט דער משמש ר' בונם פערשטאַנען אַז מסתמא איז דער מענטש פון דיא בעהאַלטענע צדיקים אין וויא באַלד ער וועט איינפיהרען זיין סדר קען דאָך אויס קומען אַזוי אַ מענטש זאָל דאַרפען שטייען וויא לאַנג איידער ער וועט אָנקומען צום רבי'ן דרובער האָט ער דאָס מבטל גיוועזען נאָהר יעדער זאָל אַריין גייען צו זאַמען אָהן אונטערשייד, דיא מעשה האָט דערציילט ר' שלמה'לע אַלטער זכרונו לברכה דעם חידושי הרים"ס אַנאַיינִיקעל. דערפון קענען מיר זעהן וויא טייער עס דאַרף צוא זיין ביי אַ מענטש אַ אורח, ווייל עס קען זיין דאָס איהם דאַכט זיך אַז דער מענטש איז גאָהר אַפּראָסטער אין לסוף זאָל ער זיין איין בעהאַלטינער צדיק, וואָס אין זייער זכות שטייט דיא וועלט אַזוי וויא אין מדרש שטייט דאָס אין זכות פון דיא ל"ו צדיקים שטייט דיא וועלט. דער זכות פון דיא צדיקים זאָל אונז ביי א שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גיטען אין זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

## א וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען רבי'ן פון גור זכרונו לברכה:

איינמאהל איז דער חידושי הרי"ם זכרונו לברכה גיוועזען ביים הייליגען רבי'ן ר' ישראלטשע ריזינער זכרונו לברכה. האט דער ריזינער גיפרעגט דעם חידושי הרי"ם צו מען מאכט שאסעה אין פוילען האט ער געזאגט אז יאה. האט ווידער דער ריזינער איהם גיפרעגט ווער האט זיך אונטער גענומען דעם פאדראט צוא ציא שטעלין אלע מאטעריאלין יודין צו ערילים. האט איהם דער חידושי הרי"ם גיענטפערט אז יודין האבין זיך דעם פאדראט אינטער גענימען האט דער ריזינער געזאגט א וודאי ווער דען קען מאכען א וועג אז גישט יודען. דער זכות פון די צדיקים זאל אינז ביי שטיין מיר זאלין זוכה זיין צו גיין אין רעכטען וועג אמן:

איינמאהל איז דער הייליגער רבי פון גור דער מחבר פון בערוהמטען ספר שפת אמת זכרונו לברכה געפאהרען אין ווארעם באד ארייןי, אין א סאך חסידים זענין מיט איהם מיט געפאהרען ביז צו דער גרעניץ צו בעגלייטען איהם ווי זיי זענען גיקומין נאהנט צו דער גרעניץ האט זיך דער עולם אהנגהויבען צו געזעגינען. צווישען דעם עולם איז גיוועזען א שארפער אין דער רבי פלעגט איהם שטארק מקרב צו זיין ער איז נאך געפאהרען צום חידושי הרי"ם האט ער זיך אויך גיזעגינט אין געזאגט דער רבי דארף דאך עפיס איבער לאזען לעצט געלד, ער האט געמיינט דער מיט דער שפת אמת זאל עפיס זאגען דברי תורה. דער וויל האט דער לאקאמאטיף גיגעבין אגרויסען פייף אין ארויס געלאזט א סאך פארע אין באלד איז דער צוג געבליבין שטיין. האט זיך דער רבי אנגערופין ווייסט איהר פאר וואס דער לאקאמאטיף האט קראפט צו שלעפין א זוי פיעל וואגאנין מענטשין וויל ער רעדט נישט צו קיינעם נאר ער האלט ביי זיך די גאנצע פארע אבער אין דער צייט ווען ער ווערט בערעווודיג ער טהוט דעם גרויסען פייף גייט פון איהם ממילא ארויס זיין פיעל פארע אין ער מוז זיך אינגאנצען אב שטעלין. אזוי איז אויך ביי עבודת השי"ת: